# מזכרת

משמחת נישואין

של

## לוי יצחק וחנה ביילא שיחיו
## קלמנסון



ל' סיון, א' דר"ח תמוז, ה'תשפ"ה

ברוקלין, ניו יאָרק

ב"ה.

# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו, החתן התמים **לוי יצחק**, והכלה המהוללה מרת **חנה ביילא** שיחיו.

התודה והברכה לכל קרובי המשפחה, ידידים ומכירים, שהואילו לבוא לשמוח אתנו ביום שמחת לבבנו, ולברך את החתן והכלה שיחיו, ואותנו כולנו, בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשמחה ובטוב לבב הננו בזה לכבד את המשתתפים בשמחתנו - על יסוד הנהגת כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע בחתונת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא זי"ע, בתשורה מיוחדת - ב' ההגהות על שיחת שבעה עשר בתמוז ה'תשל"ט (כמה מהצילומים הוקטנו (או הוגדלו) מגודלם המקורי).

הא-ל הטוב, הוא יתברך, יברך אתכם ואותנו, בתוך כלל אחינו בנ"י יחיו, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

מוקיריהם ומכבדיהם

**משפחת קלמנסון** **משפחת בייטש**

ל' סיון, א' דר"ח תמוז, ה'תשפ"ה

ברוקלין, ניו יאָרק

בס"ד. שיחת שבעה עשר בתמוז, יהפך לשמחה, אחרי תפלת מנחה, ה'תשל"ט.

– בבית הכנסת –

א. מ'האט שוין גערעדט כמ"פ[1] וועגן דעם מנהג פון רעדן "דברי כבושין" אין יום התענית – אן "עת רצון".[2]

וואס דערפאר איז כאן המקום דערמאנען און מזרז זיין נאכאמאל ("וואיך מזרזין אלא המזורזין")[3] וועגן דעם וואס מ'האט דערמאנט אין די פריערדיקע התוועדויות[4] (ובארוכה – אין די שנים שלפנ"ז)[5], אז אין די ג' שבועות הידועים[6] זאל מען מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין "ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה",[7] סיי אין דעם ענין פון "משפט", "הלכתא" – דער ענין פון לימוד התורה,[8] און סיי אין דעם ענין פון "צדקה".

ב. אע"פ אז דער ענין פון לימוד התורה ("ציון במשפט תפדה") און דער ענין פון מצות צדקה ("ושבי' בצדקה") דארפן זיין במשך כל השנה – ווארום בכל יום ויום איז מען מחוייב אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה,[9]

ובפרט דער ענין פון לימוד התורה וואס איז פארבונדן און נוגע צו וויסן "את המעשה אשר יעשון"[10] במשך כל היום כולו (דער ענין פון "הלכתא" – פסקי דינים בנוגע למעשה בפועל),

כולל אויך דעם ענין פון "כל מעשיך יהיו לשם שמים" און "בכל דרכיך דעהו",[11] כפס"ד הרמב"ם[12] אז "החכם ניכר במעשיו כו'", ביז אפילו בשעת השינה (ווי ער לייגט זיך שלאפן און דערנאך – ווי ער שלאפט) –

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אויך וויפל ס'איז נוגע דער ענין פון לימוד התורה בכל רגע פון דעם טאג,[12*]

זיינען אבער דא זמנים מיוחדים בשנה, וואס דעמולט דארף מען מוסיף זיין אין דערויף ביתר שאת וביתר עוז:

אין די ג' שבועות, וואס דעמולט איז מודגש דער ענין הגלות און די תפלה והשתדלות אז ס'זאל זיין דער "ציון גו' תפדה ושבי' גו'" (דער קיבוץ נדחי ישראל בגשמיות וברוחניות גם יחד) –

די תפלה והשתדלות אז ס'זאל זיין דער "ציון גו' תפדה ושבי' גו'" איז אויך דא בכל יום ויום (בדוגמא ווי לימוד התורה און מצות הצדקה וואס

דארפן זיין בכל יום), ווי מ'זאגט אין דער תפלה בכל יום (כולל שבתות וימים טובים) "והשב את העבודה כו'", און "ותחזינה עינינו בשובך לציון",

וואס דאס איז פארבונדן מיט "אני מאמין בביאת המשיח",[12] וואס מצות האמונה איז איינע פון די מצוות וואס "חיובן תמידי לא יפסק מעל האדם אפי' רגע בכל ימיו",[13]

דאס איז אבער מודגש במיוחד אין די ג' שבועות, וויבאלד אז דעמולט שטייט דער ענין הגלות בהדגשה יותר,

דארף מען דעמולט מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה, וויבאלד אז דורך דעריף ווערט אויפגעטאן דער "ציון במשפט (תורה) תפדה ושבי' בצדקה".

* * *

ג. בהמשך לזה וואס מ'רעדט וועגן דעם ענין הצדקה, איז כאן המקום דערמאנען וועגן דער מגבית וואס איז פארבונדן מיט י"ב-י"ג תמוז:

אע"פ וואס מ'האט דאס ניט דערמאנט בפירוש בעת ההתוועדות פון י"ב-י"ג תמוז, איז עס נאר דערפאר וואס דאס איז א דבר הפשוט, ובמילא איז ניטא קיין הכרח דערמאנען דאס מידי פעם,

עאכו"כ אז מ'רעדט וועגן "עמך כולם צדיקים",[14] וויל דאך יעדער איד מקיים זיין מצות הצדקה ביתר שאת וביתר עוז -

אבער אעפ"כ, אזוי ווי "אין מזרזין אלא המזורזין", דערמאנט מען וועגן דעם אין ימי התשלומין פון י"ב-י"ג תמוז,

אז די וואס האבן שוין געגעבן אויף צדקה וואס איז פארבונדן מיטן מגבית פון י"ב-י"ג תמוז (וואס דאס זיינען רובם ככולם), זאלן מוסיף זיין אין דעריף;

און די וואס האבן נאך ניט תורם געווען אויף דער צדקה (מאיזה סיבה שתהי') - זאלן דאס טאן איצטער, וכל הזריז (וכל המרבה) הרי"ז משובח.

און טאן דאס אין אן אופן פון "כפלים לתושי'",[15] ווי דער אלטער רבי ברייננגט אראפ אין אגה"ת,[16] אז בשעת מ'דארף מתקן זיין דעם עבר, איז "אם הי'

(בלי הגבלה למעלה, ווי עס לאזט זיך מאכן)

- ג -

רגיל לקרות דף אחד יקרא ב' דפים לשנות פרק א' ישנה ב' פרקים כו'", איז אן אופן פון "כפול ומכופל".

* * *

ד. האמור לעיל (וועגן לימוד התורה און מצות צדקה) איז אויך פארבונדן מיטן שיעור חומש היומי,[17]

[וואס אין דערויף זיינען דא שינויים משנה לשנה, און ע"פ תורת הבעש"ט[18] איז פארשטאנדיק אז דערפון (אהקיצות דף 15) דארף אויך זיין א הוראה],

וואס דער שיעור חומש פון שבעה עשר בתמוז בשנה זו, דער שיעור חומש פון יום חמישי פון פ' פינחס, הויבט זיך אן מיט "את קרבני לחמי לאישי ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדו",[19] ~~וואס דארטן רעדט זיך~~ וועגן דעם קרבן תמיד, "את הכבש האחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערביים".[20]

והביאור בזה:

די פעולה פון דעם קרבן תמיד איז בדוגמא צו דער פעולה פון לימוד התורה און מצות הצדקה:

דער קרבן תמיד וואס מ'האט מקריב געווען "בבוקר" און "בין הערביים", האט גע'פועל'ט ~~על~~ כל היום כולו, כמרז"ל[21] (וואס ווערט אראפגעבראכט אין אגה"ת)[22] אז "תמיד של שחר הי' מכפר על עבירות הלילה, ותמיד של בין הערביים על ~~של~~ יום", ד.ה. אז אע"פ וואס מ'האט אים מקריב געווען "בבוקר" און "בין הערביים", האט דאס אבער דורכגענומען דעם גאנצן טאג (וואס ~~דערפאר~~ ווערט ~~ער~~ אנגערופן "תמיד").

און דעם ענין געפינט מען אויך אין לימוד התורה:[23]

אפילו דער איד וואס זיין חיוב (בשלימות) אין לימוד התורה איז נאר "פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית" (בדוגמת קרבן התמיד וואס איז געווען "בבוקר" און "בין הערביים") - איז ~~דאך~~ ידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו,[24] אז דער "פרק אחד" דארף אים פאנאנדערנעמען און פועל'ן אז דער ענין התורה הקדושה זאל שטיין בתוקף בכל מציאותו, אזוי אז יעדער רגע פון דעם טאג זאל זיין דורכגענומען מיט דעם ענין פון ~~לימוד~~ התורה.

ועד"ז איז אויך אין מצות הצדקה:

דורך דערויף וואס ברגע זה גיט ער א פרוטה לעני, טוט ער אויף דעם "החיית את נפש העני"[25] אויף דעם גאנצן[26] זמן שלאח"ז – ווארום אויב עס ווערט ח"ו א הפסק אין דעם חיות אפילו לרגע א', איז ניט נאר אז עס פעלט דער רגע, נאר עס פעלט דער גאנצער המשך שלאח"ז.

ה. דער ענין פון קרבן תמיד האט א שייכות מיוחדת צו שבעה עשר בתמוז: איינער פון די "חמשה דברים" וואס "אירעו את אבותינו בשבעה עשר בתמוז" איז – אז דעמולט איז "בטל התמיד"[27].

דערפון איז פארשטאנדיק, אז דורך דעם לימוד פון שיעור חומש היומי (פון שבעה עשר בתמוז בשנה זו), איז מען מתקן דאס וואס "בטל התמיד", וויבאלד אז "כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה", ~~רעד"א~~ איז אויך אז[28] "העוסק בתורת ~~קרבן~~ עולת תמיד" כאילו הקריב עולת תמיד".

ו. דער תיקון אויף די ענינים פון שבעה עשר בתמוז, איז פארבונדן במיוחד מיט שלימות התורה, שלימות העם און שלימות הארץ:

בשבעה עשר בתמוז איז "נשתברו הלוחות"[27] און "שרף אפוסטמוס את התורה"[27] – וואס דער תיקון לזה איז דער ענין פון שלימות התורה.

ובפרט דער לימוד פון פנימיות התורה, וואס איז בדוגמת ענין הלוחות,[29] אותיות החקיקה שבתורה.

וואס אע"פ אז אין פנימיות התורה, "עץ החיים", האט דער ענין הגלות ניט אנגערירט (כמבואר אין רע"מ[30], ובארוכה אין אגה"ק[31]), בדוגמא ווי ס'איז געווען ווען "נשתברו הלוחות", אז דאס האט אנגערירט מערניט ווי די "לוחות האבן", אבער ניט די אותיות שבלוחות, ווארום די אותיות זיינען געווען "פורחות"[32] –

איז דאך אבער די שלימות פון די אותיות פארבונדן דערמיט וואס זיי זיינען אייך זאך מיט די לוחות, "חרות על הלוחות"[33], אותיות החקיקה, ביז אויך מיט תושבע"פ[34] – וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך תושב"כ, וואס דאס איז דער ממוצע צווישן די לוחות מיט תושבע"פ.

- ה -

און ס'איז אויך פארבונדן מיט שלימות העם – וויבאלד אז אידן זיינען מקריבי הקרבנות, אנהויבנדיק פון דעם קרבן תמיד (וואס איז פארבונדן מיט שבעה עשר בתמוז),

ובפרט לויט דער תורה פון דעם אלטן רבי'ן אויף "אדם כי יקריב מכם", אז דער קרבן דארף זיין "מכם".

און ס'איז אויך פארבונדן מיט שלימות הארץ:

בשעה עשר בתמוז איז "הובקעה העיר" – ירושלים עיה"ק, וואס "עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל", ~~וואס דאס איז דער ענין פון~~ שלימות הארץ.

וואס דער תיקון אויף "הובקעה העיר" איז – דורך דערויף וואס א איד פועל'ט בא זיך דעם ענין פון שלימות היראה, וואס דאס איז ענינה פון ירושלים – "על שם יראה ועל שם שלם".

* * *

ז. ויה"ר אז דורך דער הוספה אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה,

ובפרט דער לימוד אין הלכות בית הבחירה און הלכות הקרבנות,

וואס אין דעם לימוד פון די ענינים דארף מען מוסיף זיין במיוחד אין די ג' שבועות, וויבאלד אז דורך דעם לימוד פון די ענינים איז "אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית", און "כאילו בקרבנות אתם עוסקים" –

זאל זיין בפועל ממש (ניט נאר "כאילו") דער בנין ביהמ"ק, "ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו" (אנהויבנדיק פון דעם קרבן תמיד), "כמצות רצונך".

ובקרוב ממש וועט מען זוכה זיין עולה לרגל זיין, וויבאלד אז יהפכו ימים אלו "לששון ולשמחה ולמועדים טובים".

און אזוי ווי דער רמב"ם איז מבאר אין ריש הל' תעניות אז דער ענין התענית איז "מדרכי התשובה" – וועט דאס אויפטאן דעם ענין אז "סוף ישראל לעשות תשובה .. ומיד הן נגאלין",

ביז צו בנין ביהמ"ק – ווי דער רמב"ם ברייננט דארטן ~~ארויס~~ דעם פסוק "בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה'", און טייטשט אפ אז דאס איז געווען אין "מקדש" דוקא.

און בעגלא דידן זאל זיין דער יהפכו ימים אלו "לששון ולשמחה ולמועדים טובים", און זוכה זיין זען דאס בעיני בשר,

"בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו",47 "קהל גדול ישובו הנה",48

בביאת משיח צדקנו, דוד מלכא משיחא,

און ס'וועט זיין "וינחם לבטח ולא פחדו ואת אויביהם כסה הים ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו",49 במהרה בימינו ממש.

* * *

1) קונטרס עשרה בטבת תשל"ח ס"א. וש"נ.

2) כמ"ש בישעי' (נח, ה) "הלזה תקרא צום ויום רצון לה'". וראה אגה"ת ספ"ב: מכלל שהצום הנרצה הוא יום רצון.

ולהעיר שפסוק זה אומרים בההפטרה דיוהכ"פ.

3) במדב"ר פ"ז, ו. וראה גם מכות כג, א.

4) די"ג וט"ו תמוז.

5) ראה גם לקו"ש חי"ג ע' 280 ואילך. ועוד.

6) הדיוק ד"ג' שבועות" – ראה טור או"ח סו"ס תקנא.

7) ישעי' א, כז.

8) לקו"ת ר"פ דברים (א, סע"ב) – ע"פ ת"א עה"פ וישב מ, יג.

9) ל' הכתוב – יתרו יח, כ.

10) וגם כשיקויים היעוד "אפס כי לא יהי' בך אביון" (ראה טו, ד), צ"ל הענין דגמ"ח, שהיא "בין לעניים ובין לעשירים", ולכן "גדולה גמ"ח יותר מן הצדקה" (סוכה מט, ב).

11) אבות פ"ב מי"ב. משלי ג, ו. וראה טושו"ע או"ח סרל"א. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

12) הל' דעות ספ"ג.

13) חינוך באגרת המחבר בריש הספר (בסופה).

14) ישעי' ס, כא.

15) ראה שמו"ר רפמ"ו.

16) ספ"ט (וראה ויק"ר רפכ"ה).

17) להעיר מפתגם אדה"ז: מען באדארף לעבן מיט דער צייט . . מיט פרשת השבוע און פרשת היום פון דער סדרה פון דער וואך (היום יום ע' קא. סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך).

18) היום יום ע' נב. כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות אות קכז-קכט. וש"נ.

19) פרשתנו כח, ב.

20) שם, ד.

21) תנחומא פרשתנו יא. במדב"ר פכ"א, כא.

22) פי"א (קט, ב).

23) מנחות צט, ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ס"ד.

24) ראה לקו"ש ח"א ע' 169. וראה לקו"ש ח"ב ע' 500.

25) תנחומא משפטים טו.

26) להעיר ממרז"ל (סנהדרין לז, א במשנה) ש"דמו ודם זרעותיו תלויין בו עד סוף העולם", ולכן "כל המקיים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאילו קיים עולם מלא".

27) תענית כו, סע"א ואילך.

28) מנחות בסופה. שו"ע אדה"ז או"ח ס"א סי"א.

29)

30) זח"ג קכד, ב ואילך.

31) סכ"ו.

32) פסחים פז, סע"ב. ועוד.

33) תשא לב, טז.

34) כמ"ש הרמב"ם בהקדמתו לספרו "יד החזקה": כל המצות שניתנו לו למשה בסיני בפירושן ניתנו, שנאמר (משפטים כד, יב) ואתנה לך את לוחות האבן והתורה והמצוה, תורה זו תושב"כ, והמצוה זו פירושה . . תושבע"פ".

35) לקו"ת ויקרא ד"ה אדם כי יקריב. ד"ה באתי לגני השי"ת פ"ב (סה"מ השי"ת ס"ע 112 ואילך). היום יום ע' לו. ועוד.

36) ויקרא א, ב.

37) יל"ש ישעי' רמז תקג.

38) ב"ר פנ"ו, י. תוד"ה הר – תענית טז, א. וראה לקו"ת ר"ה ס, ב. ד"ה א"ר אושעיא כו' צדקת פרזונו תרפ"ט פ"ו (סה"מ קונטרסים ח"א לו, א). ובכ"מ.

39) שהרי הכוונה בבנין בית הבחירה היא – "לעשות בית לה' מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות" (רמב"ם ריש הל' ביהב"ח).

40) תנחומא צו יד. ועוד.

41) ראה ד"ה וככה תרל"ז פי"ז ואילך.

(42 זכרי׳ ח, יט. רמב"ם סוף הל׳ תעניות. טור או"ח סו"ס תקפ.

(43 פ"א ה"ב. וברפ"ה (בנוגע להד׳ צומות): כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה.

(44 רמב"ם הל׳ תשובה פ"ז ה"ה.

(45 שם ה"ד.

(46 תהלים צח, ו.

(47 בא י, ט.

(48 ירמי׳ לא, ח.

(48* איוב י״

(49 תהלים עח, נג-נד.

**בס"ד. שיחת שבעה עשר בתמוז, יהפך לשמחה,**
**אחרי תפלת מנחה, ה'תשל"ט.**
**— בבית הכנסת —**

א. מ'האט שוין גערעדט כמ"פ[1] וועגן דעם מנהג פון רעדן „דברי כבושין" אין יום התענית — אן „עת רצון"[2].

וואס דערפאר איז כאן המקום[3] והזמן דערמאנען און מזרז זיין נאכאמאל („ואין מזרזין אלא המזורזין"[4]) וועגן דעם וואס מ'האט דערמאנט אין די פריערדיקע התוועדויות[5] (ובארוכה — אין די שנתים שלפנ"ז[6]), אז אין די ג' שבועות[7] הידועים זאל מען מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין „ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה"[8],

סיי אין דעם ענין פון „משפט", „הלכתא" — דער ענין פון לימוד התורה[9] (ובפרט — הלכות[10]), און סיי אין דעם ענין פון „צדקה".

ב. אע"פ אז דער ענין פון לימוד התורה („ציון במשפט תפדה") און דער ענין פון צדקה („ושבי' בצדקה") דארפן זיין במשך כל השנה — ווארום בכל יום ויום איז מען מחוייב אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה[11],

[ובפרט דער ענין פון לימוד התורה וואס איז פארבונדן און נוגע צו וויסן „את המעשה אשר יעשון"[12] במשך כל היום כולו (דער ענין פון „הלכתא" — פסקי דינים בנוגע למעשה בפועל),

כולל אויך דעם ענין פון „כל מעשיך יהיו לשם שמים" און „בכל דרכיך דעהו"[13], כפס"ד הרמב"ם[14] אז „החכם ניכר במעשיו כו'", ביז אפילו בשעת השינה (ווי ער לייגט זיך שלאפן און דערנאך — ווי ער שלאפט) —

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אויף וויפל ס'איז נוגע דער ענין פון לימוד התורה בכל רגע[15] פון דעם טאג],

זיינען אבער דא זמנים מיוחדים בשנה, וואס דעמולט דארף מען מוסיף זיין אין דעריף ביתר שאת וביתר עוז:

אין די ג' שבועות, וואס דעמולט איז מודגש דער ענין הגלות און די תפלה והשתדלות אז ס'זאל זיין דער „ציון גו' תפדה ושבי' גו'" (שיבה וקיבוץ נדחי ישראל בגשמיות וברוחניות גם יחד) —

[ועד"ז לאידך גיסא: די תפלה והשתדלות אז ס'זאל זיין „ציון גו' תפדה ושבי' גו'" איז דא אויך בכל יום ויום (בדוגמא ווי לימוד התורה און מצות הצדקה וואס דארפן זיין בכל יום), ווי מ'זאגט אין דער תפלה שבכל יום (כולל — שבתות וימים טובים) „והשב העבודה כו'", און „ותחזינה עינינו בשובך לציון",

[וואס דאס איז פארבונדן מיט „אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח כו' בכל יום", און מצות האמונה בכללה ובעיקרה איז איינע פון די מצוות וואס „חיובן תמידי[16] לא יפסק מעל האדם אפי' רגע בכל ימיו"[17]],

דאס איז אבער מודגש במיוחד אין די ג' שבועות, וויבאלד אז דעמולט שטייט דער ענין הגלות בהדגשה יותר],

דארף מען דעמולט מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה, וויבאלד אז דורך דעריף ווערט אויפגעטאן דער „ציון במשפט (תורה) תפדה ושבי' בצדקה".

• • •

ג. בהמשך לזה וואָס מ׳רעדט וועגן דעם ענין הצדקה, איז כאן המקום דער־מאָנען וועגן דער מגבית וואָס איז פאַר־בונדן מיט י״ב־י״ג תמוז:

אע״פ וואָס מ׳האָט דאָס ניט דערמאָנט בפירוש בעת ההתוועדות פון י״ב־י״ג תמוז, איז עס דערפאַר וואָס דאָס איז אַ דבר הפשוט,

עאכו״כ אַז מ׳רעדט וועגן „עמך כולם צדיקים״ [18], ווייל דאָך יעדער איד מקיים זיין מצות הצדקה ביתר שאת וביתר עוז —

ובמילא איז ניטאָ קיין הכרח דער־מאָנען דאָס מידי פעם, קען מען נוצן די צייט אויף זאַכן שבהכרח,

אָבער אעפ״כ, אַזוי ווי „אין מזרזין אלא המזורזין״, ועוד — נראה, אַז דער ניט דערמאָנען האָט געבראַכט עטליכע צום ניט טאָן,

דערמאָנט מען וועגן דעם אין די ימי התשלומין פון י״ב־י״ג תמוז,

אַז די וואָס האָבן שוין געגעבן אויף צדקה וואָס איז פאַרבונדן מיטן מגבית פון י״ב־י״ג תמוז (וואָס דאָס זיינען רובם ככולם), זאָלן מוסיף זיין אין דערויף:

און די וואָס האָבן נאָך ניט תורם גע־ווען אויף דער צדקה (מאיזה סיבה שתהי׳) — זאָלן דאָס טאָן איצטער, וכל הזריז הרי זה משובח, וכל המרבה ה״ז משובח.

און טאָן דאָס אין אַן אופן פון „כפלים לתושי׳״ [19], ווי דער אַלטער רבי ברייננגט אַראָפּ אין אגה״ת [20], אַז בשעת מ׳דאַרף מתקן זיין דעם עבר, איז „אם הי׳ רגיל לקרות דף אחד יקרא ב׳ דפים לשנות פרק א׳ ישנה ב׳ פרקים כו׳״, (בלי הגבלה למעלה, ווי ער זאָגט דאָרט) אין אַן אופן פון „כפול ומכופל״.

• • •

ד. האמור לעיל (וועגן לימוד התורה און מצות צדקה) איז אויך פאַרבונדן מיטן שיעור חומש היומי [21],

[וואָס אין דערויף זיינען דאָ שינויים משנה לשנה, און ע״פ תורת הבעש״ט [22] איז פאַרשטאַנדיק אַז דערפון (מהקביעות דשנה זו) דאַרף אויך זיין אַ הוראה].

דער שיעור חומש פון שבעה עשר בתמוז בשנה זו, דער שיעור חומש פון יום חמישי פון פ׳ פינחס, הויבט זיך אָן מיט „את קרבני לחמי לאישי ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדו״ [23], וועגן דעם קרבן תמיד, „את הכבש האחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערביים״ [24].

והביאור בזה:

די פעולה פון דעם קרבן תמיד איז בדוגמא פון דער פעולה פון לימוד התורה און מצות הצדקה:

דער קרבן תמיד וואָס מ׳האָט מקריב געווען „בבוקר״ און „בין הערביים״, האָט גע׳פועל׳ט בכל היום כולו, כמרז״ל [25] (וואָס ווערט אַראָפּגעבראַכט אין אגה״ת [26]) אַז „תמיד של שחר הי׳ מכפר על עבירות הלילה, ותמיד של בין הערביים על של יום״, ד. ה. אַז אע״פ וואָס מ׳האָט אים מקריב געווען „בבוקר״ און „בין הערביים״, האָט דאָס אָבער דורכגענומען דעם גאַנצן טאָג (שגם זה טעם — וואָס ער ווערט אָנגערופן „תמיד״).

און דעם ענין געפינט מען אויך אין לימוד התורה [27]:

אפילו דער איד וואָס זיין חיוב (בשלימות) אין לימוד התורה איז נאָר „פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית" [28] (בדוגמת קרבן התמיד וואָס איז געווען „בבוקר" און „בין הערביים") —

איז ידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו [29], אַז דער „פרק אחד" דאַרף אים פאַנאַנדערנעמען און פועל'ן אַז דער ענין התורה זאָל שטיין בתוקף בכל מציאותו, אַזוי אַז יעדער רגע פון דעם טאָג זאָל זיין דורכגענומען מיט דעם ענין פון דעם פרק התורה.

ועד"ז איז אויך אין מצות הצדקה:

דורך דערויף וואָס ברגע זה גיט ער אַ פרוטה לעני, טוט ער אויף דעם „החיית את נפש העני" [30] אויף דעם גאַנצן זמן שלאח"ז [31] — וואָרום אויב עס ווערט ח"ו אַ הפסק אין דעם חיות אפילו לרגע אַ', איז ניט נאָר אַז עס פעלט דער רגע, נאָר עס פעלט דער גאַנצער המשך שלאח"ז.

ה. דער ענין פון קרבן התמיד האָט אַ שייכות מיוחדת צו שבעה עשר בתמוז:

איינער פון די „חמשה דברים" וואָס „אירעו את אבותינו בשבעה עשר בתמוז" איז — אַז דעמולט איז „בטל התמיד" [32].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דורך דעם לימוד פון שיעור חומש היומי (פון שבעה עשר בתמוז בשנה זו), איז מען מתקן דאָס וואָס „בטל התמיד", וויבאַלד אַז „כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה" [33], איז מובן אַז „העוסק בתורת עולת תמיד כאילו הקריב עולת תמיד".

ו. דער תיקון אויף די ענינים פון שבעה עשר בתמוז, איז פאַרבונדן במיוחד מיט שלימות התורה, שלימות העם און שלימות הארץ:

בשבעה עשר בתמוז איז „נשתברו הלוחות" [32] און „שרף אפוסטמוס את התורה" [32] — וואָס דער תיקון לזה איז דער ענין פון שלימות התורה.

ובפרט דער לימוד פון פנימיות התורה, וואָס איז בדוגמת ענין הלוחות [34], אותיות החקיקה שבתורה.

[וואָס אע"פ אַז אין פנימיות התורה, „עץ החיים", האָט דער ענין הגלות ניט אָנגערירט (כמבואר אין רע"מ [35], ובארוכה אין אגה"ק [36]),

בדוגמא ווי ס'איז געווען ווען „נשתברו הלוחות", אַז דאָס האָט אָנגע־רירט די „לוחות האבן", אָבער ניט די אותיות שבלוחות, וואָרום די אותיות זיינען געווען „פורחות" [37] —

איז דאָך אָבער די שלימות פון די אותיות פאַרבונדן דערמיט וואָס זיי זיינען איין זאַך מיט די לוחות, „חרות על הלוחות" [38], אותיות החקיקה,

ביז אויך מיט תושבע"פ [39] — וואָס דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך תושב"כ, וואָס דאָס איז דער ממוצע צווישן די לוחות מיט תושבע"פ].

און ס'איז אויך פאַרבונדן מיטן (עם, ובמילא —) שלימות העם — וויבאַלד אַז זיי זיינען מקריבי הקרבנות, אָנהויבנ־דיק פון דעם קרבן תמיד (וואָס איז פאַרבונדן, כנ"ל, מיט שבעה עשר בתמוז),

ובפרט לויט דער תורה פון דעם אַלטן רבי'ן [40] אויף „אדם כי יקריב מכם קרבן לה'" [41], אַז דער קרבן דאַרף זיין „מכם".

און ס'איז אויך פאַרבונדן מיט שלימות הארץ:

בשבעה עשר בתמוז איז „הובקעה העיר" [32] — ירושלים עיה"ק, וואָס „עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל" [42], שלימות הארץ.

וואָס דער תיקון אויף „הובקעה העיר" איז — דורך דערויף וואָס אַ איד פועל'ט בּאַ זיך דעם ענין פון בנין ירושלים — שלימות היראה [43], וואָס דאָס איז ענינה פון ירושלים — „על שם [44] יראה ועל שם שלם" [45].

* * *

ז. ויה"ר אַז דורך דער הוספה אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה,

ובפרט דער לימוד אין הלכות בית הבחירה און הלכות הקרבנות [46],

וואָס אין דעם לימוד פון די ענינים דאַרף מען מוסיף זיין במיוחד אין די ג' שבועות, וויבאַלד אַז דורך דעם לימוד פון די ענינים איז „אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית", און „כאילו בקרבנות אתם עוסקים" [47] —

זאָל זיין דער בפועל ממש (ניט נאָר „כאילו"), דער בנין ביהמ"ק, „ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו" (אָנהויבנ־דיק פון דעם קרבן תמיד), „כמצות רצונך" [48].

ובקרוב ממש וועט מען זוכה זיין עולה לרגל זיין, וויבאַלד אַז יהפכו ימים אלו „לששון ולשמחה ולמועדים טובים" [49].

און אַזוי ווי דער רמב"ם איז מבאר אין ריש הל' תעניות [50] אַז דער ענין התענית איז „מדרכי התשובה" — וועט דאָס אויפטאָן דעם ענין פון „ישראל לעשות תשובה .. ומיד הן נגאלין" [51],

ביז צו בנין ביהמ"ק — ווי דער רמב"ם איז חותם און ברייננגט דאָרטן [52] דעם פסוק [53] „בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה'", און טייטשט אָפּ אַז דאָס איז אין „מקדש".

אַז בעגלא דידן זאָל זיין דער יהפכו ימים אלו „לששון ולשמחה ולמועדים טובים", און זוכה זיין זען דאָס בעיני בשר,

„בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו" [54], „קהל גדול ישובו הנה" [55], בביאת משיח צדקנו, דוד מלכא משיחא,

און ס'וועט זיין (כימי צאתך מארץ מצרים [56]) „וינחם לבטח ולא פחדו ואת אויביהם כסה הים ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו" [57], במהרה בימינו ממש.

בס"ד.

מצו"ב ה"געלי'ס" דשיחת שבעה עשר בתמוז.

~~האם אפשר להוסיף~~ (ולתקן) בריש ס"ז:

ז. ויה"ר אז דורך דער הוספה אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה,

ובפרט דער לימוד אין הלכות בית הבחירה און הלכות הקרבנות[46] (וואס אין די ג' שבועות דארף מען מוסיף זיין במיוחד אין דעם לימוד פון די הל(כות) – וואס דורך דעם לימוד פון די הלכות איז "אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית" און "כאילו בקרבנות אתם עוסקים"[47]

און אע"פ אז עס איז בלויז "כאילו", מיט א כ"ף הדמיון – איז דאס אבער א דמיון אין תורת אמת, (פון תורת אמת אלקים) דערפאר וואס ~~בעצם~~ (באמת) איז דאס איין זאך: דורך דעם לימוד איז מען עוסק בבנין הבית ובהקרבת הקרבנות, עס איז ~~מערניט~~ (נאר) אז מען דארף "צופוצן" די (לעצטע) קנעפלעך" (כפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר)[47*] בכדי אז דאס זאל אראפקומען (למטה) אין פועל ממש –

ג) דוגמא לזה: ושננתם לבניך (דתוך פי אחד ואחד – אלא ...)
והל' העניין שהשמן (מקום המנורה) מכניסו להניחו
על אנרה.

(וכו')

שיחת אור ליום ב',

1) קונטרס עשרה בטבת תשל"ח ס"א. וש"נ.

2) כמ"ש (ישעי' נח, ה) „הלזה תקרא צום ויום רצון לה'". „מכלל שהצום הנרצה הוא יום רצון" (אגה"ת ספ"ב).

ולהעיר שפסוק זה אומרים בההפטרה דיוהכ"פ — צום המפורש בתורה, וזמן תשובה לכל כו' (רמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ז).

3) מקום רינה ומצויין בהלכה (ברכות ו, א. שם ח, א).

4) במדב"ר פ"ז, ו. וראה גם מכות כג, א.

5) די"ג וט"ו תמוז.

6) וראה גם לקו"ש חי"ג ע' 280 ואילך. ועוד.

7) הדיוק ד„ג' שבועות" — ראה טור או"ח סו"ס תקנא.

8) ישעי' א, כז.

9) לקו"ת ר"פ דברים (א, סע"ב) — ע"פ ת"א עה"פ וישב מ, יג.

10) כההמשך בלקו"ת ר"פ דברים (א, ג) בזכות המשניות. וצע"ק באוה"ת לשם (דברים ע' לב): עוי"ל כו' משפט כו' בשלשה דוקא.

11) וגם כשיקויים היעוד „אפס כי לא יהי' בך אביון" (ראה טו, ד), י"ל שיהי' הענין דגמ"ח, שהיא „בין לעניים ובין לעשירים" (שלכן „גדולה גמ"ח יותר מן הצדקה" (סוכה מט, ב)).

12) (ל' הכתוב — יתרו יח, כ) — שזה כולל ג"כ עשי' ע"י דחי' ושלילה — מצות ל"ת.

13) אבות פ"ב מי"ב. משלי ג, ו. וראה טושו"ע או"ח סרל"א. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

14) הל' דעות ספ"ג.

15) שבפנימיות — בכל מעשה שעושה (או שוללה) ה"ז פס"ד (עשית הלכה בפועל) וגם מלמדו לאחרים. ולהעיר ממחז"ל ברכות (סב, א) תורה היא כו'. ובסוכה (כא, ב) משיחתו (ולא רק מדבריו) של ר"ג למדנו כו'.

16) להעיר שנקודת ענין האמונה ה"ה שאינה במדידת והגבלת השכל. ועד"ז י"ל בנוגע לזמן ומקום.

17) חינוך באגרת המחבר בריש הספר (בסופה).

18) ישעי' ס, כא.

19) ראה שמו"ר רפמ"ו.

20) ספ"ט (וראה ויק"ר רפכ"ה).

21) להעיר מפתגם אדה"ז: מען בדארף לעבן מיט דער צייט . . מיט פרשת השבוע און פרשת היום פון דער סדרה פון דער וואך (היום יום ע' קא. סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך).

22) היום יום ע' נב. כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות אות קכז־קכט. וש"נ.

23) פרשתנו כח, ב.

24) שם, ד.

25) תנחומא פרשתנו יא. במדב"ר פכ"א, כא.

26) פי"א (קט, ב).

27) נוסף על הענין שנתבאר לעיל ס"ב.

28) מנחות צט, ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ס"ד.

29) וראה לקו"ש ח"א ע' 169. וראה לקו"ש ח"ב ע' 500

(30) תנחומא משפטים טו.
(31) להעיר ממרז"ל (סנהדרין לז, א במשנה) ש„דמו ודם זרעותיו תלויין בו עד סוף העולם", ו„כל המקיים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאילו קיים עולם מלא".
(32) תענית כו, סע"א ואילך.
(33) מנחות בסופה. שו"ע אדה"ז או"ח ס"א ס"א.
(34) ראה סהמ"צ להצ"צ מצות משא הארון בכתף. ושנ"נ.
(35) זח"ג קכד, ב ואילך.
(36) סכ"ו.
(37) פסחים פז, סע"ב. ועוד.
(38) תשא לב, טז.
(39) ראה ירוש' שקלים פ"ו ה"א בסופה „דקדוקי' של תורה. וברמב"ם בהקדמתו לספרו „יד החזקה": „כל המצות שניתנו לו למשה בסיני בפירושן ניתנו, שנאמר (משפטים כד, יב) ואתנה לך את לוחות האבן והתורה והמצוה, תורה זו תושב"כ, והמצוה זו פירושה .. תושבע"פ".
(40) לקו"ת ויקרא ד"ה אדם כי יקריב. ד"ה באתי לגני השי"ת פ"ב (סה"מ השי"ת ס"ע 112 ואילך). היום יום ע' לו. ועוד.
(41) ויקרא א, ב.
(42) יל"ש ישעי' רמז תקג.
(43) שזהו בהקדמת התורה וכמחז"ל אם אין חכמה אין יראה (ראה תניא ספכ"ג. פמ"ג) ויראה תתאה שייכת לצדקה.
(44) ב"ר פנ"ו, י. תוד"ה הר — תענית טז, א. וראה לקו"ת ר"ה ס, ב. ד"ה א"ר אושעיא כו' צדקת פרזונו תרפ"ט פ"ו (סה"מ קונטרסים ח"א לו, א). ובכ"מ.
(45) והעמיד צלם בהיכל (תענית שם) — שיתוף — י"ל שזהו כביכול היפך שלימות ה', השם שלם.
(46) ותלוים זב"ז כי בית הבחירה הוא — „לעשות בית לה' מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות" (רמב"ם ריש הל' ביהב"ח).
(47) תנחומא צו יד. ועוד.
(48) ראה תו"ח ויחי צה, א. צו, ג־ד. ד"ה וככה תרל"ז פי"ז ואילך.
(49) זכרי' ח, יט. סוף הל' תעניות. טור או"ח סר"ס תקפ.
(50) פ"א ה"ב. וברפ"ה (בנוגע להד' צומות): כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה.
(51) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.
(52) שם ה"ד.
(53) תהלים צח, ו.
(54) בא י, ט.
(55) ירמי' לא, ח.
(56) מיכה ז, טו.
(57) תהלים עח, נג־נד.

בס"ד.

בזה הננו מוציאים לאור שיחת כ"ק אדמו"ר שליט"א שאמרה – בבית הכנסה – ביום ה', שבעה עשר בתמוז, אחרי תפלת מנחה, שנה זו.

כ"ק אדמו"ר שליט"א הוסיף הערות ומ"מ – הבאים בשולי הגליון.

מערכת "אוצר החסידים"

ה'השל"ט

ברוקלין, נ.י.

## שיחת יום ה', שבעה עשר בתמוז, יהפך לשמחה, ה'תשל"ט. – בבית הכנסת, אחרי תפלת מנחה

א. מ'האָט שוין גערעדט כמ"פ[1] וועגן דעם מנהג פון רעדן „דברי כבושין" אין יום התענית – אַן „עת רצון".[2]

וואָס דערפאַר איז כאן המקום[3] והזמן דערמאָנען און מזרז זיין נאָכאַמאָל („ואין מזרזין אלא המזורזין"[4]) וועגן דעם וואָס מ'האָט דערמאָנט אין די פריערדיקע התוועדויות (ובארוכה – אין די שתים שלפנ"ז[5]), אַז אין די ג' שבועות[6] הידועים זאָל מען מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין „ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה"[7],

סיי אין דעם ענין פון „משפט", „הלכתא" – דער ענין פון לימוד התורה[8] (ובפרט – הלכות[9]), און סיי אין דעם ענין פון „צדקה".

ב. אע"פ אַז דער ענין פון לימוד התורה („ציון במשפט תפדה") און דער ענין פון צדקה („ושבי' בצדקה") דאַרפן זיין במשך כל השנה – וואָרום בכל יום ויום איז מען מחוייב אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה[10],

[ובפרט דער ענין פון לימוד התורה וואָס איז פאַרבונדן מיט (און נוגע צו וויסן) „את המעשה אשר יעשון"[11] במשך כל היום כולו (דער ענין פון „הלכתא" – פסקי דינים בנוגע למעשה בפועל),

כולל אויך דעם ענין פון „כל מעשיך יהיו לשם שמים" און „בכל דרכיך דעהו"[12], כפס"ד הרמב"ם[13] אַז „החכם ניכר במעשיו כו'", ביז אפילו בשעת השינה (ווי ער לייגט זיך שלאָפן און דערנאָך – ווי ער שלאָפט) –

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אויף וויפל ס'איז נוגע דער ענין פון לימוד התורה בכל רגע[14] פון דעם טאָג],

זיינען אָבער דאָ זמנים מיוחדים

---

1) שיחת אור ליום ג', עשרה בטבת תשל"ח ס"א (לקו"ש ח"כ ע' 352). וש"נ.

2) כמ"ש (ישעי' נח, ה) „הלזה תקרא צום ויום רצון לה'". „מכלל שהצום הנרצה הוא יום רצון" (אגה"ת ספ"ב). ולהעיר שפסוק זה אומרים בההפטרה דיוהכ"פ – צום המפורש בתורה, וזמן תשובה לכל כו' (רמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ז).

3) מקום רינה ומצויין בהלכה (ברכות ו, א. שם ח, א).

4) במדב"ר פ"ז, ו. וראה גם מכות כג, א.

5) די"ג וט"ו תמוז. וראה גם לקו"ש חי"ג ע' 280 ואילך. ועוד.

6) הדיוק ד"ג' שבועות" – ראה טור או"ח סו"ס תקנא*.

7) ישעי' א, כז.

8) לקו"ת ר"פ דברים (א, סע"ב) – ע"פ ת"א עה"פ וישב מ, יג.

9) כההמשך בלקו"ת ר"פ דברים (א, ג) בזכות המשניות. וצע"ק באוה"ת לשם (דברים ע' לב): עוי"ל כו' משפט כו' בשלשה דוקא.

10) וגם כשיקויים היעוד „אפס כי לא יהי' בך אביון" (ראה טו, ד), יי"ל שיהי' הענין דגמ"ח, שהיא „בין לעניים ובין לעשירים" (שלכן „גדולה גמ"ח יותר מן הצדקה" (סוכה מט, ב)).

11) (ל' הכתוב – יתרו יח, כ) – שזה כולל ג"כ עשי' ע"י דחי' ושלילה – מצות ל"ת.

12) אבות פ"ב מי"ב. משלי ג, ו. וראה טושו"ע או"ח סרל"א. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

13) הל' דעות רפ"ה.

14) שבפנימיות – בכל מעשה שעושה (או – שוללה) ה"ז פס"ד [עשיית] הלכה בפועל) וגם מלמדו לאחרים. ולהעיר ממחז"ל ברכות (סב, א) תורה היא כו'. ובסוכה (כא, ב) משיחתו (ולא מדבריו) של ר"ג למדנו כו'.

---

*) וראה בארוכה סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 539 ואילך. המו"ל.

בשנה, וואָס דעמולט דאַרף מען מוסיף זיין אין דערויף ביתר שאת וביתר עוז:

אין די ג' שבועות, וואָס דעמולט איז מודגש דער ענין הגלות און די תפלה והשתדלות אַז ס'זאָל זיין דער "ציון גו' תפדה ושבי' גו'" (שיבה וקיבוץ נדחי ישראל בגשמיות וברוחניות גם יחד) —

[ועד"ז לאידך גיסא: די תפלה והשתדלות אַז ס'זאָל זיין "ציון גו' תפדה ושבי' גו'" איז דאָ אויך בכל יום ויום (בדוגמא ווי לימוד התורה און מצות הצדקה וואָס דאַרפן זיין בכל יום), ווי מ'זאָגט אין דער תפלה שבכל יום (כולל שבתות וימים טובים) "והשב העבודה כו'", און "ותחזינה עינינו בשובך לציון",

[וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח כו' בכל יום", און מצות האמונה בתוכנה ובעיקרה[15] איז איינע פון די מצוות וואָס "חיובן תמידי[16] לא יפסק מעל האדם אפי' רגע בכל ימיו"[17]],

דאָס איז אָבער מודגש במיוחד אין די ג' שבועות, וויבאַלד אַז דעמולט שטייט דער ענין הגלות בהדגשה יותר],

דאַרף מען דעמולט מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה, וויבאַלד אַז דורך דערויף ווערט אויפגעטאָן דער "ציון במשפט (תורה) תפדה ושבי' בצדקה".

* * *

ג. בהמשך לזה וואָס מ'רעדט וועגן דעם ענין הצדקה, איז כאן המקום דער־מאָנען וועגן דער מגבית וואָס איז פאַר־בונדן מיט י"ב־י"ג תמוז:

אע"פ וואָס מ'האָט דאָס ניט דערמאָנט בפירוש בעת ההתוועדות פון י"ב־י"ג תמוז, איז עס דערפאַר וואָס דאָס איז אַ דבר הפשוט,

עאכו"כ אַז מ'רעדט וועגן "עמך כולם צדיקים"[18], וויל דאָך יעדער איד מקיים זיין מצות הצדקה (בזמן הנהוג) ביתר שאת וביתר עוז —

ובמילא איז ניטאָ קיין הכרח דערמאָ־נען דאָס בכל שנה, קען מען נוצן די צייט אויף זאַכן שבהכרח,

אָבער אעפ"כ, אַזוי ווי "אין מזרזין אלא המזורזין", ועוד — נראה, אַז דער ניט דערמאָנען האָט געבראַכט עטליכע צום ניט טאָן,

דערמאָנט מען וועגן דעם אין די ימי התשלומין פון י"ב־י"ג תמוז,

אַז די וואָס האָבן שוין געגעבן אויף צדקה וואָס איז פאַרבונדן מיטן מגבית פון י"ב־י"ג תמוז (וואָס דאָס זיינען רובב ככולם), זאָלן מוסיף זיין אין דערויף;

און די וואָס האָבן נאָך ניט תורם געווען אויף דער צדקה (מאיזה סיבה שתהי') — זאָלן דאָס טאָן איצטער, וכל הזריז הרי זה משובח[19] וכל המרבה ה"ז משובח.

און טאָן דאָס אין אַן אופן פון "כפלים לתושי'"[20], ווי דער אַלטער רבי ברייננגט אַראָפּ אין אגה"ת[21], אַז בשעת מ'דאַרף מתקן זיין דעם עבר, איז "אם הי' רגיל לקרות דף אחד יקרא ב' דפים לשנות

15) שהיא אמונת ה'.

16) להעיר שנקודת ענין האמונה ה"ה שאינה במדידת והגבלת השכל. ועד"ז י"ל בנוגע לזמן ומקום.

17) חינוך באגרת המחבר בריש הספר (בסופה).

18) ישעי' ס, כא.

19) ראה אגה"ק סכ"א "ובפרט מעשה הצדקה".

20) ראה שמו"ר רפמ"ו.

21) ספ"ט (וראה ויק"ר רפכ"ה).

פרק א' ישנה ב' פרקים כו'", (בלי הגבלה למעלה, ווי ער זאָגט דאָרט) אין אַן אופן פון „כפול ומכופל".

* * *

ד. האמור לעיל (וועגן לימוד התורה און מצות צדקה) איז אויך פאַרבונדן מיטן שיעור חומש היומי[22],

[וואָס אין דערויף זיינען דאָ שינויים משנה לשנה, און ע"פ תורת הבעש"ט[23] איז פאַרשטאַנדיק אַז דערפון (מהקביעות דשנה זו) דאַרף אויך זיין אַ הוראה].

דער שיעור חומש פון שבעה עשר בתמוז בשנה זו, דער שיעור חומש פון יום חמישי פון פ' פינחס, הויבט זיך אָן מיט „את קרבני לחמי לאישי ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדו"[24], וועגן דעם קרבן תמיד, „את הכבש אחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערביים"[25].

והביאור בזה:

די פעולה פון דעם קרבן תמיד איז בדוגמא פון דער פעולה פון לימוד התורה און מצות הצדקה:

דער קרבן תמיד וואָס מ'האָט מקריב געווען „בבוקר" און „בין הערביים", האָט גע'פועל'ט בכל היום כולו, כמרז"ל[26] (וואָס ווערט אַראָפּגעבראַכט אין אגה"ת[27]) אַז „תמיד של שחר הי' מכפר על עבירות הלילה, ותמיד של בין הערביים על של יום", ד. ה. אַז אע"פ וואָס מ'האָט אים מקריב געווען „בבוקר" און „בין הערביים", האָט דאָס אָבער דורכגענומען דעם גאַנצן טאָג (וי"ל שגם זה טעם – וואָס ער ווערט אָנגערופן „תמיד").

און דעם ענין געפינט מען אויך אין לימוד התורה[28]:

אפילו דער איד וואָס זיין חיוב (בשלימות) אין לימוד התורה איז נאָר „פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית"[29] (בדוגמת קרבן התמיד וואָס איז געווען „בבוקר" און „בין הערביים") –

איז ידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו[30], אַז דער „פרק אחד" דאַרף אים „פאַנאַנדערנעמען" און פועל'ן אַז דער ענין התורה זאָל שטיין בתוקף בכל מציאותו, אַזוי אַז יעדער רגע פון דעם טאָג זאָל זיין דורכגענומען מיט דעם ענין פון דעם פרק התורה.

ועד"ז איז אויך אין מצות הצדקה:

דורך דערויף וואָס ברגע זה גיט ער אַ פרוטה לעני, טוט ער אויף דעם „החיית את נפש העני"[31] אויף דעם גאַנצן זמן שלאח"ז[32] – וואָרום אויב עס ווערט ח"ו אַ הפסק אין דעם חיות אפילו לרגע א', איז ניט נאָר אַז עס פעלט דער רגע, נאָר עס פעלט דער גאַנצער המשך שלאח"ז.

22) להעיר מפתגם אדה"ז: מען בעדאַרף לעבן מיט דער צייט .. מיט דער פרשת השבוע און פרשת היום פון דער סדרה פון דער וואָך (היום יום ע' קא. סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך).

23) היום יום ע' נב. כש"ט (הוצאת קה"ת הוספות אות קכז־קכט. וש"נ.

24) פרשתנו כח, ב.

25) שם, ד.

26) תנחומא פרשתנו יג. במדב"ר פכ"א, כא.

27) פי"א (ק, ב).

28) נוסף על הענין שנתבאר לעיל ס"ב.

29) מנחות צט, ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ס"ד.

30) היום יום ס"ע פו. וראה לקו"ש ח"א ע' 169.

31) תנחומא משפטים טו.

32) להעיר ממרז"ל (סנהדרין לז, א במשנה) ש„דמו ודם זרעותיו תלויין בו עד סוף העולם", ו„כל המקיים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאילו קיים עולם מלא".

ה. דער ענין פון קרבן תמיד האָט אַ שייכות מיוחדת צו שבעה עשר בתמוז:

איינער פון די „חמשה דברים" וואָס „אירעו את אבותינו בשבעה עשר בתמוז" איז – אַז דעמולט איז „בטל התמיד"[33].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דורך דעם לימוד פון שיעור חומש היומי (פון שבעה עשר בתמוז בשנה זו), איז מען מתקן (בחלקו, ברוחניות) דאָס וואָס „בטל התמיד", וויבאַלד אַז „כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה"[34], איז מובן אַז „העוסק בתורת עולת תמיד כאילו הקריב עולת תמיד".

ו. דער תיקון אויף די ענינים פון שבעה עשר בתמוז, איז פאַרבונדן במיוחד מיט שלימות התורה, שלימות העם און שלימות הארץ:

בשבעה עשר בתמוז איז „נשתברו הלוחות"[33] און „שרף אפוסטמוס את התורה"[33] – וואָס דער תיקון לזה איז דער ענין פון שלימות התורה.

ובפרט דער לימוד פון פנימיות התורה, וואָס איז בדוגמת ענין הלוחות[35], אותיות החקיקה שבתורה.

[וואָס אע"פ אַז אין פנימיות התורה, „עץ חיים", האָט דער ענין הגלות ניט אָנגערירט (כמבואר אין רע"מ[36], ובארוכה אין אגה"ק[37]),

בדוגמא ווי ס'איז געווען ווען „נשתברו הלוחות", אַז דאָס האָט אָנגע־רירט די „לוחות האבן", אָבער ניט די אותיות שבלוחות, וואָרום די אותיות זיינען געווען „פורחות"[38] –

איז דאָך אָבער די שלימות פון די אותיות פאַרבונדן דערמיט וואָס זיי זיינען איין זאַך מיט די לוחות, „חרות על הלוחות"[39], אותיות החקיקה,

ביז אויך מיט תושבע"פ[40] – וואָס דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך תושב"כ, וואָס זי איז דער ממוצע צווישן די לוחות מיט תושבע"פ].

און ס'איז אויך פאַרבונדן מיטן (עם, ובמילא –) שלימות העם – ציבור, מקריבי קרבנות הציבור, אָנהויבנדיק פון דעם קרבן תמיד (וואָס איז פאַרבונדן, כנ"ל, מיט שבעה עשר בתמוז),

ובפרט לויט דער תורה פון דעם אַלטן רבי'ן[41] אויף „אדם כי יקריב מכם קרבן לה'"[42], אַז דער קרבן דאַרף זיין „מכם".

און ס'איז אויך פאַרבונדן מיט שלימות הארץ:

בשבעה עשר בתמוז איז „הובקעה העיר"[33] – ירושלים עיה"ק, וואָס „עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל"[43], שלימות הארץ.

וואָס דער תיקון אויף „הובקעה העיר" איז – דורך דערויף וואָס אַ איד פועל'ט

33) תענית כו, סע"א ואילך.

34) מנחות בסופה. שו"ע אדה"ז או"ח ס"א סי"א.

35) ראה סהמ"צ להצ"צ מצות משא הארון בכתף. וש"נ.

36) זח"ג קכד, ב ואילך.

37) סכ"ו.

38) פסחים פז, סע"ב. ועוד.

39) תשא לב, טז.

40) ראה ירוש' שקלים פ"ו ה"א בסופה: דקדוקי' של תורה. וברמב"ם בהקדמתו לספרו „יד החזקה": כל המצות שניתנו לו למשה בסיני בפירושן ניתנו, שנאמר (משפטים כד, יב) ואתנה לך את לוחות האבן והתורה והמצוה, תורה זו תושב"כ, והמצוה זו פירושה .. תושבע"פ.

41) לקו"ת ויקרא ד"ה אדם כי יקריב. ד"ה באתי לגני השי"ת פ"ב (סה"מ השי"ת ס"ע 112 ואילך). היום יום ע' לו. ועוד.

42) ויקרא א, ב.

43) יל"ש ישעי' רמז תקג.

באַ זיך דעם ענין פון בנין ירושלים בשלימותה — שלימות היראה[44], וואָס דאָס איז ענינה פון ירושלים — „על שם[45] יראה ועל שם שלם"[46].

* * *

ז. ויה״ר אַז דורך דער הוספה אין לימוד התורה און אין מצות הצדקה,

ובפרט דער לימוד אין הלכות בית הבחירה און הלכות הקרבנות[47] (וואָס אין די ג׳ שבועות דאַרף מען מוסיף זיין במיוחד אין דעם לימוד פון די הלכות וואָס דורך דעם לימוד פון די ענינים איז „אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית", און „כאילו בקרבנות אתם עוסקים"[48]

[און אע״פ אַז עס איז „כאילו", מיט אַ כ״ף הדמיון — איז דאָס אָבער אַ דמיון פון הוי׳ אלקים אמת אין תורת אמת (דערפאַר וואָס באמת איז דאָס איין זאַך[49]): דורך דעם לימוד איז מען עוסק בבנין הבית ובהקרבת הקרבנות, עס איז נאָר אַז מען דאַרף „צופוצן די (לעצטע) קנעפּלעך" (כפתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר[50]) בכדי אַז דאָס זאָל אַראָפּקומען למטה אין פועל ממש] —

זאָל זיין דער בפועל ממש (ניט נאָר „כאילו"), דער בנין ביהמ״ק, „ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו" (אָנהויבנ־דיק פון דעם קרבן תמיד), „כמצות רצונך"[51].

ובקרוב ממש וועט מען זוכה זיין עולה לרגל זיין, וויבאַלד אַז יהפכו ימים אלו „לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[52].

אַזוי ווי דער רמב״ם איז מבאר אין ריש הל׳ תעניות[53] אַז דער ענין התענית איז „מדרכי התשובה" — וועט דאָס אויפטאָן דעם ענין אַז אידן טוען „תשובה .. ומיד הן נגאלין"[54],

ביז צום בנין ביהמ״ק — ווי דער רמב״ם איז חותם און ברייננגט דאָרטן[55] דעם פסוק[56] „בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה׳", און טייטשט אָפּ אַז דאָס איז אין „מקדש".

אַז בעגלא דידן זאָל זיין דער יהפכו ימים אלו „לששון ולשמחה ולמועדים טובים", און זוכה זיין זען דאָס בעיני בשר,

44) שזהו בהקדמת התורה וכמחז״ל אם אין חכמה אין יראה (ראה תניא ספכ״ג. פמ״ג) ויראה תתאה שייכת לצדקה.

45) ב״ר פנ״ו, י. תוד״ה הר — תענית טז, א. וראה לקו״ת ר״ה ס, ב. ד״ה א״ר אושעיא כו׳ צדקת פרזונו תרפ״ט פ״ו (סה״מ קונטרסים ח״א לו, א). ובכ״מ.

46) והעמיד צלם בהיכל (תענית שם) — שיתוף — י״ל שזהו כביכול היפך שלימות ה׳, השם שלם. ותיקונו ע״י קרבני לחמי גו׳ ריח ניחוחי (כדוגמת הלחם כו׳ נחת רוח לפני כו׳ תענוג כו׳ — ראה לקו״ת פרשתנו עה״פ. ובכ״מ).

47) ותלוים זב״ז כי בית הבחירה הוא — „בית לה׳ מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות" (רמב״ם ריש הל׳ ביהב״ח).

48) תנחומא צו יד. ועוד.

49) דוגמא לזה: ושכנתי בתוכם (בתוך כל אחד ואחד — של״ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב) ה״ז הענין דהמשכן (מקום השכינה) כפשוטו וגם בפשוטו של מקרא.

50) שיחת שמח״ת תרפ״ט (הנחה) [סה״ש תרפ״ט ע׳ 42].

51) ראה תו״ח ויחי צה, א. צו, ג־ד. ד״ה וככה תרל״ז פי״ז ואילך.

52) זכרי׳ ח, יט. רמב״ם סוף הל׳ תעניות. טור או״ח סו״ס תקפ.

53) פ״א ה״ב. וברפ״ה (בנוגע להד׳ צומות): כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה.

54) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ה.

55) הל׳ תעניות פ״א ה״ד.

56) תהלים צח, ו.

"בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותי־נו"[57], "קהל גדול ישובו הנה"[58], בביאת משיח צדקנו, דוד מלכא משיחא,

און ס'וועט זיין (כימי צאתך מארץ מצרים[59] "וינחם לבטח ולא פחדו ואת אויביהם כסה הים ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו"[60], במהרה בימינו ממש.

57) בא י, ט.
58) ירמי' לא, ז.
59) מיכה ז, טו.
60) תהלים עח, נג־נד.

לזכות

החתן הת' **לוי יצחק** והכלה מרת **חנה ביילא** שיחיו
**קלמנסון**

לרגל נישואיהם בשעה טובה ומוצלחת

ל' סיון, א' דר"ח תמוז ה'תשפ"ה

נדפס על ידי ולזכות הוריהם

הרה"ת ר' **ישראל שמעון** וזוגתו מרת **חנה** שיחיו **קלמנסון**

הרה"ת ר' **שלמה זלמן צבי הלוי** וזוגתו מרת **רבקה צירל** שיחיו **בייטש**

ולזכות זקניהם

מרת **שרה רבקה** שתחי' **ששונקין**

הרה"ת ר' **יוסף יצחק הלוי** וזוגתו מרת **דבורה מלכה** שיחיו **בייטש**

מרת **שטערנא שרה** שתחי' **ווייס**